טרעפן מיט איהם. קע"ה ס'האט זיך היינט צואוואקסן ב"ה..!

**והודה לו רבינו על בואו להשמיע מדברותיו** לפני תושבי השיכון ואמר: אז כ'זעה אז דער עולם האט הנאה געהאט, האט איהר דאך אריינגעברענגט א ישמחת יום טובי אין אידן..!

הגר"פ הזכיר אודות אחד ממשפחתו שבא לאחרונה, וגם ברכותיו של הרבי נתקיימו ב"ה והוא מאוד שבע-רצון.

**ובירכו מרן אדמו"ר שליט"א:** דער אייבערשטער זאל העלפן הצלחת און סיעתא דשמיא, יישר-כוח און מ'זאל קענען ווייטער מרביץ תורה זיין מיט הרחבת הדעת, און מ'זאל זיך זעהן מתוך שמחה אי"ה, א כשר'ן און פריילים יו"ט.

ונפרדו לשלום.

*** דברי-חיזוק וברכה אשר הרעיף כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א למתנדבי "חברה הצלה דשיכון סקווירא" שנכנסו לקו"פ אחר שהתבססו כארגון עצמאי, בליל שלישי דתוהמ"פ העעל"ט:**

**רבינו פתח ואמר:** ס'נישטא וואס צו זאגן קיין דרשות, כ'מיין אז מ'דארף גארנישט מסביר זיין...

די ערשטע זאך דארף מען דאך גיבן דעם עולם 'הכרת הטוב': די וועלט כאפט עס נישט, מ'מיינט אז ס'איז גאר אזא לייכטע מצוה... ס'איז נישט אזא לייכטע מצוה! כ'פרואוו זיך אביסל אריינשטעלן אין יענעמ'ס מצב, ס'איז גארנישט אזא לייכטע מצוה... סוף כל סוף ס'איז בייטאג און ביינאכט, און אינמיטן די נאכט, און דער אייבירשטער זאל העלפן ס'זאל נישט געשעהן אבער ס'קען געשעהן נאך א גאנצע וואך זיין אפגעמוטשעט, און קוים קוים קומט מען צו א סעודת שבת מיט די משפחה, און באלד נאך קידוש באקומט מען א רוף... ס'איז נישט פון די לייכטע זאכן.

ממילא קומט פשוט א הכרת הטוב פאר דעם עולם דא! אויב די גמרא זאגט (שבת קל.) 'מסרו נפשייהו נתקיימה בידן' - איז עס נישט קיין קלייניקייט! א מענטש מיינט אז ער גיבט א רוף א טלפון-קאל און דאס גייט פון זיך אליין... ס'גייט נישט פון זיך אליין: יענער איז א בשר ודם פאר זיך, און קיינער טוהט עס נישט פאר קיין פרנסה... דער עולם איז פאריאגט א גאנצן טאג מיט אנדערע זאכן, און ס'קומט אמאל אהן אין זמנים וואס ס'איז גאנץ א "נסיון", ס'איז גארנישט אזא לייכטע זאך. ממילא דאס ערשטע דארף מען פשוט גיבן א הכרת הטוב פאר די מצוה!

'המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא (סנהדרין ד, ה)', און באמת איז עס נישט

בחצר הקודש

נאר קיין 'עולם מלא'. אז מ'גיבט א קוק וואס רש"י זאגט דארט עה"פ (בראשית ד, י) קול דמי אחיך צועקים "דמו ודם זרעיותיו", נו איז דאך מדת טובה מרובה: מה-דאך אויף נישט אזא געשמאקע זאך חס ושלום, רעכנט עס דער אייבערשטער 'דמו ודם זרעיותיו', אז מ'איז מקיים און מציל א נפש אחת מישראל איז דאך עס זיכער 'דמו ודם זרעיותיו'! איז מען מציל נישט נאר דעם נפש, נאר אלע דורות וואס קומען ארויס פון איהם..!

און באמת נישט איינמאל איז עס טאקע "הצלת נפשות" פשוטו כמשמעו! ממש פשוטו כמשמעו! און דאס קומט אהן מיט גאנץ שטארקע נסיונות...

נו, דער מאו"ע זאגט אז פסח איז א בחינה פון חסד און מ'איז ממשיך חסדים אויף א גאנץ יאר - איז פשוט א זמן אז מ'זאל זיי מכיר טובה זיין אויך..!

די ימי הספירה זענען דאך א הכנה צו 'קבלת התורה' וואס ביי דעם שטייט דאך 'וחי בהם' - איז דאך פשוט יעצט א זמן מכיר טוב זיין פאר די וואס זענען עוסק אין 'וחי בהם' ביי זיך און ביי אנדערע..!

בהמשך נימק רבינו את ענין ההתארגנות של 'חברה הצלה דשיכון סקווירא' כארגון עצמאי וכה אמר כלשון-קדשו: חוץ דעם מאכט מען דאך יעצט א חיזוק חוץ בגשמיות אויך אין רוחניות.

ומיד הבהיר רבינו: דאס הייסט, ס'איז נישט קיין 'גשמיות', מציל זיין א נפש אחת מישראל איז נישט קיין גשמיות... ס'איז דאס שטארקסטע רוחניות וואס ס'קען זיין! אבער די פעולה איז א גשמיות'דיגע פעולה.

די גמרא (סוכה כח.) זאגט אז 'דבר קטן' מיינט הוויות דאביי ורבא. ס'מיינט נישט אז ס'איז א דבר קטן, נאר ס'מיינט נאר פשוט אז ס'רעדט זיך פון ראובן וואס האט געבארגט פון שמעון און לוי פון יהודה און יששכר פון זבולן, ס'רעדט זיך פון געלט און פון שור שנגח את הפרה וכדומה - דערפאר רופט מען עס א 'דבר קטן'... דאס זעלבע: אז כ'זאג אז ס'איז א 'גשמיות', ס'איז אינגאנצן נישט קיין גשמיות, ס'איז א רוחניות, אבער די פעולה איז א גשמיות'דיגע פעולה..!

אבער צו דעם אין מען דאך יעצט עוסק אז ס'זאל זיין א חיזוק אין "רוחניות" אויך: כ'פיל אז דער ענין פון די "נשים" (להכשיר נשים לטפל במקרי-הצלה של נשים) איז א געוואלדיגע זאך! כ'האלט אז ס'איז א געוואלדיגע תועלת! און דאס איז אויך א תועלת סיי אין 'גשמיות' און סיי אין 'רוחניות': דער עיקר איז אין רוחניות, אבער כ'ווייס

אליין פון כמה פעלער וואס ס'איז א טובה סיי בגשמיות און סיי ברוחניות..!

כ'זאג נישט אז אהנדעם איז עס נישט גוט חס וחלילה, אבער למעשה דער וואס איז אביסל באקאנט ווייסט אז ס'איז א תועלת! כ'ווייס פון אזעלכע וואס האבן מיר אליין געזאגט אז זיי האבן זיך צוריקגעהאלטן פון רופן צוליב דעם טעם. אבער חוץ דעם: אלע זאכן אין ענייני קדושה וואס מ'קען מאכן א גדר און א משמרת למשמרת, איז דאך עס א דבר טוב! און כ'האלט אז ס'וועט בעז"ה מצליח זיין ווייל מ'מיינט דאך גוט און מ'וויל גוט, האף איך אי"ה אז מ'וועט עס נאכטוהן אויך!

ווען דער טאטע ז"ל האט געמאכט די שטעטל, האבן אנדערע דערשראקן: וואס וועט זיין טאמער חס ושלום עמיצער וועט דאס אויך וועלן נאכמאכן? האט דער טאטע ז"ל געזאגט: וואס הייסט? אדרבה! אויב כ'האלט אז ס'איז א גוטע זאך, וויל איך דאך אז אנדערע זאלן דאס נאכמאכן..! ואמר רבינו אודות הכשרת נשים לחברת הצלה כנ"ל: כ'האף אי"ת אז אנדערע וועלן דאס אויך נאכמאכן, און כ'וואלט שוין דעם טאג אז מ'זאל עס נאכמאכן..! ממילא חוץ דעם זכות פון דא אליין, וועט עס אי"ה זיין א זכותא דרבים פאר אנדערע אויך.

און חוץ דעם: דאס וואס מ'האט עס געמאכט פאר זיך אליין, האב איך שוין געזאגט צעהן מאל: ביי אונז זענען אלע אידן חשוב און אלע אידן טייער, ס'איז קיין שום ספק נישט! אבער כ'האב שוין דערמאנט אמאל אז ביים חסידיישן עולם וויל מען אז ס'זאל זיין אביסל מיט א "העכערקייט" וכדו', און אויב מ'וויל א העכערקייט האב איך געפילט אז ס'איז שטארקער אויב "מ'האלט זיך צווישן זיך"!

והדגיש רבינו שנית: אלע אידן זענען חשוב און אלע אידן זענען טייער, ס'איז קיין שום ספק נישט! כ'זוך בפירוש נישט קיין מחלוקת חס ושלום, מ'וועט זיך נאך ארויסהעלפן איינער דעם צווייטן - אבער נישט יעדער האט דאך די זעלבע "רגילותין" מיט די זעלבע "מסורה" מיט די זעלבע "גדרים וסייגים" וואס א חסידיישער איד האט, נישט אלע האבן די זעלבע.. ממילא אויב מ'ישמועסט פון "העכערקייט", פיל איך אז אויב מ'וועט זיך האלטן צווישן זיך איז עס א זאך וואס מקען גיין מיט א העכערקייט, מיט גדרים וסייגים און פרישות!

יעדער ווייסט דאך אז למעשה איז עס א נארמאלע זאך, אז הגם אלע זענען ערליכע אידן און חשוב'ע אידן, אבער אין א גרעסערער מקום קען דאך דער עולם נישט זיין ממש אזוי